**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 09/23/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווארנער האקול שטעלט זיך צאם מיט פאראייניגטע שטאטן קלימאט אליאנץ גאווארנערס צו מעלדן קלימאט-גרייטע ארבעטקראפט איניציאטיוו, צילט צו טרענירן 1 מיליאן נייע רעגיסטרירטע טרענירטע ביז 2035**

***סטעיט'ס ביים-ברעג טרענירונג אינסטיטוט צו געבן 2.3 מיליאן דאלאר פאר טרענירן פאר קאריערעס אין ביים-ברעג ווינט***

גאווארנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן ניו יארק'ס אנטיילנעמונג אין די פאראייניגטע שטאטן קלימאט אליאנץ'ס [גאווארנערס' קלימאט-גרייטע ארבעטקראפט איניציאטיוו](#) צו וואקסן קאריערע וועגן אין קלימאט און ריינע ענערגיע פעלדער, פארשטערקערן פארשידנארטיגע ארבעטקראפט, און צוזאמען טרענירן 1 מיליאן נייע רעגיסטרירטע טרענירטע דורכאויס די אליאנץ'ס סטעיטס און טעריטאריעס ביז 2035. גאווארנער האקול האט געמאכט די מעלדונג היינט ביי א קלימאט וואך NYC צאמקום, וועלכע האט אויך פארגעשטעלט איר אליאנץ קא-טשעיר ניו מעקסיקא גאווארנער מישעל לויאן גרישאם, גרונדנדע אליאנץ מיטגליד וואשינגטאן גאווארנער דשעי אינסלי, און ווייסע הויז נאציאנאלע קלימאט ראטגעבער אלי זאידי.

"אין ניו יארק, ווייזן מיר וויאזוי קלימאט שריט און עקאנאמישע וואוקס גייען האנט ביי האנט," **האט גאווארנער האקול געזאגט.** "אלס א קא-טשעיר פון די פאראייניגטע שטאטן קלימאט אליאנץ, בין איך שטאלץ צוזאמענצוארבעטן מיט סטעיטס, אינדוסטרי פירערס, ארבעטער פאראיינען, העכערע ערציאונגע און געמיינדע ארגאניזאציעס צו שאפן די ארבעט פון די צוקונפט פארלאנגט צו בויען א ריינע, גלייכע, און שטאנדהאפטיגע עקאנאמיע. א פאכמאנישע און גוט-צוגעגרייטע ארבעטקראפט וועט פירן אינאוואציע, שאפן נייע ביזנעסער, און פארזיכערן א דויערהאפטיגע, שטאנדהאפטיגע צוקונפט פאר אייער לאנד."

דורך די איניציאטיוו, וועלן גאווארנער האקול און די ביפארטיזאן קאאליציע פון 23 אנדערע גאווארנערס, פארשטייענדיג ארום 60 פראצענט פון די פאראייניגטע שטאטן עקאנאמיע און 55 פראצענט פון די פאראייניגטע שטאטן באפעלקערונג, זיך צאמשטעלן צו פארשטערקערן און פארברייטערן וועגן צו א ברייטע אויסוואל פון קלימאט-גרייטע פראפעסיעס וואס זענען קריטיש צו בויען א ריינע, גלייכע און שטאנדהאפטיגע נעט-זירו צוקונפט.

די איניציאטיוו צילן זענען צו:

- פארבעסערן סטראטעגיעס צו פארזיכערן קלימאט-גרייטע ארבעטגעבונג וועגן פירן צו גוט-צאלנדע, הויך-קוואליטעט פאסטנס.
- פריאריטיזיר גלייכקייט אין קלימאט-גרייטע ארבעטקראפט ריכטליניעס און פראגראמען צו פארברייטערן געלעגנהייטן פאר אלע ארבעטערס, באזונדער די פון באזייטיגטע געמיינדעס.

- שטיצן באדייטפולע און אריינגעמנעדע צוזאמענארבעט דורכאויס רעגירונג, שבטים'דיגע פעלקער און געמיינדעס, ארבעטקראפט סיסטעמען, ארבעטער פאראיינען, אינדוסטרי, געמיינדע-באזירטע ארגאניזאציעס און ערציאונגס אינסטיטוציעס.
- שטיצט אינאוואטיווע און עדות-באזירטע צוגאנג צו העלפן ארבעטער אריינגיין און פאראויסגיין אין קלימאט-גרייטע קאריערעס דורך א רייע פון שטיצנדע סערוויסעס.
- שטיצט די אנטוויקלונג און באנוץ פון אויפהויפנדע, טראגבארע, און אינדוסטרי-אנערקענטע קרעדענשלס אין קלימאט-גרייטע פעלדער צו בויען איבערטראגבארע פעהיגקייטן, שטיצן ווידערלערנען און אויפארבעטן, און פארשטערקערן ארבעטערס' עקאנאמישע מאביליטעט.
- מוטיגן קלימאט-פאקוסירטע ארבעטקראפט פלאנירונג וואס איז אוועקגעשטעלט אין באווייז און לויפט צוזאמען מיט סטעיטס' עקזיסטירנדע דעוועלאפמענט און ערציאונג סיסטעמען.

די איניציאטיוו'ס אנפאנג קומט ווען היסטארישע פעדעראלע אינוועסטירונגען, צאמגעשטעלט מיט אמביציעזע סטעיט קלימאט אקציע, האבן געעפנט א באדייטנדע פארברייטערונג פון גוט-צאלנדע און פאראיין פאסטנס אין ריינע ענערגיע און ריינע טעכנאלאגיע אפטיילונגען-אזויווי ווינט, סאלאר, עלעקטרישע אוטאמאבילן, ענערגיע עפעקטיוויקייט, און באטעריעס- מיט מיליאן מער ערווארטעט אין די קומענדיגע יארן אונטער די ביידען-העריס אדמיניסטראציע'ס אינפלאציע רעדוצירונג אקט און אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און ארבעט אקט.

**גאווערנער האקול מעלדט 2.3 מיליאן דאלאר צו שטיצן ארבעט טרענירונג פאר ביים-ברעג ווינט פראיעקטן**

בויענדיג אויף די ארבעטקראפט איניציאטיוו, האט גאווארנער האקול געמאלדן א 2.3 מיליאן דאלאר אווארד צו שטיצן טרענירונג פאר קאריערעס אין ביים-ברעג ווינט דורך די סטעיט'ס ביים ברעג ווינט טרענירונג אינסטיטוט (State's Offshore Wind Training Institute, OWTI). די אינטערנאציאנאלע ברודערשאפט פון עלעקטרישע ארבעטער ( International Brotherhood of Electrical Workers, IBEW) לאקאלע פאראיין 3 איז דערוועלט געווארן צו אנטוויקלען און געבן טרענירונג פאר ביים-ברעג ווינט-פארבינדענע פעהיגקייטן צו 100 פאר-טרענירטע און 430 רייזעפערזאנען אין ניו יארק סיטי.

די פינאנצירונג אווארד, צוגעשטעלט דורך די ניו יארק סטעיט ענערגיע אטנטערזוך און אנטוויקלונג אטאריטעט, וועט שטיצן ביים-ברעג ווינט קאריערעס וואכזאמקייט טרענירונג אלס טייל פון IBEW לאקאלע 3'ס פאר-טרענירשאפט און רייזעפערזאנען טרענירטנג אפטיילונגען. אכציג פון די 100 פאר-טרענירטע וועט אוועקגעשטעלט ווערן אין ביים-ברעג ווינט פארבינדענע טרענירשאפט פראגראמען, און אלע 430 רייזעפערזאנען וועלן באקומען ביים-ברעג ווינט-ספעציפיצירטע טעכנישע טרענירונג, מיט זעקס צו ווערן טרענירט אלס אינסטרוקטערס אין ביים-ברעג ווינט טעכנישע טרענירונג.

די טרענירונג פראגראם וועט אידענטיפיצירן און אריינגעמען די וויסנשאפט און פעהיגקייטן וואס זענען נויטיג פאר עלעקטרישנס אין אלע שטאפלען פון ביים-ברעג ווינט אנטוויקלונג, פון פאראויפשטעלונג דורך אפעראצעי און אויפהאלטונג.

די פינאנצירונג בויט אויף די באלד 11 מיליאן דאלאר פון פריער געגעבן דורך OWTI צו אנדערע ארגאניזאציע שטיצנדיג ביים-ברעג ווינט פארבינדענע טרענירונגען. געשטיצטע פראגראמען נהאבן אריינגענומען די ביי די ניו יארק סיטי פאראיין אייזן ארבעטער לאקאלן (New York City Union Iron Workers Locals) 40 און 361, קאפיטאל ראיאן BOCES, און אכט אנדערע SUNY שולעס. די OWTI, צוזאמען מיט NYSERDA, האט געבויט א נעטווארק פון אקאדעמישע, געמיינדע, אינדוסטרי, און ארבעט אליאנצן וואס וועלן צוגרייטן ביז 2,500 ניו יארקערס פאר קאריערעס אין באנייבארע-ענערגיע פעלדער. OWTI ארבעט צוזאמען מיט די באנייבארע ענערגיע און דויערהאפטיגעקייט צענטער (Renewable Energy and Sustainability Center) ביי פארמינגדעיל סטעיט קאלעדש און די

נאציאנאלע ביים-ברעג ווינט אונטערזוך און אנטוויקלונג קאנסארטיום (National Offshore Wind Research and Development Consortium) ביי סטאני ברוק אוניווערזיטעט וואס איז געשטיצט דורך NYSERDA און די פאראייניגטע שטאטן אפטיילונג פון ענערגיע.

דערצו, אלס טייל פון די ניו יארק פאוער אטאריטעט'ס איבערגעגעבנקייט אין די 2023-24 אקטיווע סטעיט בודשעט צו שטיצן די באמיאונגען פון די אפיס פון נאר ענערגיע איבערגאנג אין צוזאמענארבעט מיט די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון ארבעט (New York State Department of Labor, NYSDOL) און אינוועסטירן יערליך אין ארבעטקראפט טרענירונג באמיאונגען, די פאווער אטאריטעט האט ביז יעצט איבערגעגעבן מער ווי 12 מיליאן דאלאר צו שטיצן ריינע ענערגיע אינדוסטרי ארבעטקראפט אנטוויקלונג איניציאטיוון ארום די סטעיט.

אין יולי, האט NYPA ארויסגעגעבן א ריינע ענערגיע ארבעטקראפט טרענירונג (Clean Energy Workforce Training, CEWT) RFP פאר קוואליפיצירטע באזירטע טרענירונג פראוויידערס (אזוויי טעכנישע הויך-שולעס, געמיינדע קאלעדשעס, אוניווערזיטעטן, טרעיד אסאסיאציעס, פאבריצירער, און נאך) וואס קענען צוזאמענארבעטן צו אנטוויקלען טעכנישע טרענירונג געלעגנהייטן, אויפן פלאץ איבערלעבונג, געצאלטע אינטערנשיפס און פול-טיים פאסטנס פאר מענטשן וואס גייען אריין אין די ריינע ענערגיע ארבעטקראפט. ביי די קומענדיגע אקטאבער 8 זיצונג, NYPA'ס באורד פון טרוסטיס וועלן צו געבן ארום 2 מיליאן דאלאר צו אפאר פראיעקטן וואס וועלן שאפן א פארשידנארטיגע, גלייכע, און אריינעמענדע פייפליניע פון פעהיגע טאלענט פאר די ריינע ענערגיע ארבעט מארקעט מיט א פאקוס אויף וועגן פאר ארבעטגעבונג אין די ריינע ענערגיע פעלד פאר איינוואוינער פון באזייטיגטע געמיינדעס אין די געגנט פון NYPA'ס איינריכטונגען דורכאויס ניו יארק סטעיט.

מער אינפארמאציע איבער די גאווארנער'ס קלימאט-גרייטע ארבעטקראפט איניציאטיוו קען געפונען ווערן דא.

**ווייסע הויז נאציאנאלע קלימאט ראטגעבער אלי זאידי האט געזאגט,** "אונטער פרעזידענטביידען און ווייס פרעזידענט העריס'ס פירערשאפט, ברענגען מיר אראפ די צוימונגען צו עקאנאמישע געלעגנהייט, נידערנדיג קאסטן פאר אמעריקאנע פאמיליעס, און ברענגען א ווידעראויפלעבונג פון אמעריקאנע-געמאכטע פאבריצירונג וואס שאפט ארבעט דורכאויס אמעריקע. אין פאקט, נאר לעצטע יאר, האבן מיר צוגעלייגט איבער 250,000 נייע אמעריקאנע ענערגיע פאסטנס - מיט ריינע ענערגיע פאסטנס וואקסנדיג צוויי מאל אזוי שנעל ווי די אנדערע טייל פון די סעקטאר. גאווארנערס דורכאויס אמעריקע זענען אין פראנג פון אונזערע באמיאונגען צו שטיצן וואוקס אין פאראיין פאסטנס, פארברייטערן אמעריקאנע ענערגיע פראדורצירונג, און אינוועסטירן אין די עקאנאמישע סוקסעס פון אונזערע געמיינדעס. די היינטיגע מעלדונג וועט אויסנוצן אונזער מאמענטום צו שאפן א קלימאט-גרייטע ארבעטקראפט וואס בויט איבער אונזער פאלק'ס אינפראסטרוקטור, געמיינדעס, און אינדוסטריעלישע קראפט."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און דעוועלאפמענט אויטאריטעט פרעזידענט און CEO דארין מ. העריס האט געזאגט,** "בויען א ריינע ענערגיע עקאנאמיע איז נישט קיין קליינע ארבעט, און דאס איז פארוואס די ניי געמאלדענע גאווארנערס' קלימאט-גרייטע ארבעטקראפט איניציאטיוו איז אזוי וויכטיג. צו מצליח זיין, מוזן אונזער נאציאנאלע און סטעיט ארבעטקראפטן, ווערן אנגעפילט מיט עקספערט טעכניקער טרענירט אין די לעצטיגע טעכנאלאגיעס. NYSERDA קוקט ארויס צו ווייטער ברענגען אונזער שטיצע פאר ארבעטקראפט אנטוויקלונג און טרענירונג פראגראמען דורך נאציאנאלע פארטנערשאפטן אזוויי די וואס ווערן געשטיצט דורך די פאראייניגטע שטאטן קלימאט אליאנץ, און ראיאנישע פארטנערשאפטן אזוויי די ביים-ברעג ווינט טרענירונג אינסטיטוט, ווען מיר וואקסן ניו יארק'ס אינדוסטרי אין צוזאמענארבעט מיט אנדערע סטעיטס."

**ניו יארק פאוער אטאריטעט פרעזידענט און CEO יוסטין אי. דריסקאל האט געזאגט,** "אין צוזאמענארבעט מיט די פירערשאפט פון גאווארנער האקול'ס און די פאראייניגטע שטאטן קלימאט אליאנץ'ס גאווארנערס' קלימאט-גרייטע ארבעטקראפט איניציאטיוו, די ניו יארק פאוער אטאריטעט'ס ארבעטקראפט אנטוויקלונג פראגראמען פארבינדן ניו יארקערס מיט די פעהיגקייטן און ארבעט טרענירונג נויטיג צו פאורען די סטעיט'ס, און ווייטער די פאלק'ס ריינע ענערגיע צוקונפט. NYPA'ס אינוועסטירונגען אין אונזער ארבעטקראפט, פובליק-פריוואטע ארבעטקראפט פארטנערשאפטן, און פארטנערשאפט מיט די אפטיילונג פון ארבעט זענען טייל אונזער ארומנעמענדע צוגאנג צו שטיצן די וויכטיגע ריינע ענערגיע ארבעטקראפט און פארבינדן מער ניו יארקערס אין די ריינע ענערקיגע עקאנאמיע."

**עמפייער סטעיט אנטוויקלונג פרעזידענט, CEO & קאמישענער האופ נייט האט געזאגט**"ניו יארק'ס סטעיט'ס אנטיילנעמונג אין די גאווארנערס' קלימאט-גרייטע ארבעטקראפט איניציאטיוו וועט ווייטער פארשטערקערן אונזערע באמיאונגען צו טרענירן ניו יארקערס פאר הויך-קוואליטעט ארבעט אין גרינע ענערגיע אינדוסטריעס. גאווארנער האקול'ס אנגעייענדע איבערגעבונג צו אדרעסירן קלימאט טויש, מיט שטיצע פון אונזער פעדעראלע און סטעיט אגענטור פארטנערס, וועלן וואקסן די עקאנאמיע בשעת'ן שאפן א דויערהאפטיגע צוקונפט."

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון לעיבאר קאמישענער ראבערטא רעירדאן האט געזאגט,** "צאמשטעלן רעגיסטריטע טרענירשאפט געלעגנהייטן מיט אונזער ענוויראמענטאל דויערהאפטיגקייט באמיאונגען איז א געווין-געווין פאר ארבעטער און ארבעטגעבער. דורך אנטוויקלען רעגיסטרירטע טרענירשאפט אין ליניע מיט ריינע ענערגיע צילן, פארשטארקערט ניו יארק סטעיט ווייטער לאקאלע עקאנאמיעס אין די אנגייענדע איבערגאנג צו א נידעריג-קארבאן עקאנאמיע. איך אפלאדיר גאווארנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו די פאראייניגטע שטאטן קלימאט אליאנץ'ס גאווארנערס' קלימאט-גרייטע ארבעטקראפט איניציאטיוו, ערלויבנדיג אונזער פארבינדענע אנשטרענגונגען צו דערגרייכן ווייטער ווי די סטעיט גרעניצן צו פארזיכערן א דויערהאפטיגע, לאנג-אנהאלטנדע צוקונפט אפר אונזער לאנד'ס ארבעטקראפט."

**בלויגרין אליאנץ עקזעקיוטיוו דירעקטאר דשאסאן וואלש האט געזאגט,** "מיר זענען צופרידן צו זען גאווארנערס זיך אויפשטעלן צו פארזיכערן אז מיר האבן די ארבעטקראפט וואס איז נויטיג אנצופילן די גוטע פאסטנס וואס ווערן געשאפן דורך די אינפלאציע רעדוצירונג אקט, ביפארטיזאן אינפראסטרוקטור געזעץ, און CHIPS און סייעס אקט. עס איז דא א געוואלדיגע געלעגנהייט פון די פעדעראלע אינוועסטירונגען ווידעראויפצובויען אונזער בלוי-קאלנער מיטל קלאס דורך שאפן וועגן צו געשולטע, לאנג-טערמיניגע קאריערעס אין סעקטארס אזוויו בויארבעט און פאבריצירונג. די איבערגעגעבנקייט פון גאווארנערס דורכאויס די לאנד איז גוט פאר ארבעטער, גוט פאר ארבעטגעבער און גוט פאר די הויכע-וועג ריינע ענערגיע עקאנאמיע וואס מיר בויען צוזאמען."

**נאציאנאלע סקילס קאאליציע פארוואלטונג דירעקטאר פון סטעיט סטראטעגיעס מעליסא דשאנסאן האט געזאגט,** "סטעיט רעגירונגען האבן א קריטישע ראלע צו שפילן אין נוצן היסטארישע פעדעראלע אינוועסטירונגען צו שאפן אומגעהערטע פאסטנס און טרענירונג געלעגנהייטן פאר די ארבעטקראפט בשעת'ן באקעמפן קלימאט טויש. עס איז אומגלויבליך אז די קאאליציע פון גאווארנערס שטעלט זיך אויף צו פריאריטיזירן די פארשידנארטיגקייט און עקאנאמישע זיכערהייט פון די קלימאט ארבעטקראפט ווייל אונזער קלימאט גרייטקייט הענגט זיך אויף א נייע גענעראציע פון ארבעטער זאלן האבן צוטריט צו די ערציאונג, פעהיגקייטן טרענירונג, און עקאנאמישע שטיצעס וואס זיי דארפן צוצוקומען צו גוטע פאסטנס און קאריערעס אין די בליענדע סעקטאר."

**אינטערנאציאנאלע ברודערהייט פון עלעקטריקל ארבעטער לאקאלע פאראיין נומער 3 ביזנעס פארוואלטער קריסטאפער עריקסאן האט געזאגט,** "די היינטיגע מעלדונג אויף די "קלימאט-גרייטע

ארבעטקראפט איניציאטיוו" איז א גוטע שריט פאראויס צו ווייטער צוגרייטן צוקונפטיגע מיטגלידער פון די IBEW און פאראייניגטע בויאונגס טרעידס (Building Trades) פאר די גרינע ענערגיע פאסטנס פון היינט און ווייטער. מיר נעמען אויף מארגנדיגע טרענירטע פון אלע סארטן אין אונזער רייעס מיט אפענע ארעמס, גרייט צוצושטעלן וועלט-קלאס טרענירונג און זיי צוצוגרייטן פאר פאראיין קאריערערס מיט פאמיליע-שטיצנדע געהאלטן און בענעפיטן. א דאנק גאווארנער האקול, די ביידען-העריס אדמיניסטראציע, US קלימאט אליאנץ, און NYSERDA פארן אדרעסירן די קלימאט קריזיס פון פאראויס און שטיצן די פאראייניגטע גרינע ארבעטקראפט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן